יאָן. צושטאַנד דער עסטליכען יהודים. זיא ווערדען פֿאָן פֿערשידענען
קאַליפֿען בעגינסטיגט, וועלכע דיא געלעהרטען אונד דיא וויססענ=
שאַפֿטען ליבטען אונד בעפֿערדערטען. בעפֿעהל דעס אימאַנס
(דעס אָבערהויפּטעס דער מוזעלמעננער) יאַפֿאַר געגען זיא.
אַל=וואַטהעק צווינגט זיא צור בעצאַהלונג שווערער אַבגאַבען.
מאָטאַוואַקעל פֿערורטהיילט זיא, אין שימפּפֿליכעס אַב=
צייכען צו טראַגען. צושטאַנד דער יהודים אונטער דען גריכישען
קאַיזערן. איהר צושטאַנד אין פֿראַנקרייך. קאַרל, דער
גראָסע, בעהאַנדעלט זיא מיט מילדע. זיא ווערדען פֿאָן לודוויג,
דעם פֿראָממען, זעהר בעגינסטיגט, איהרע לאַגע איזט אַבער
אונטער קאַרל, דעם קאַהלען, ניכט זאָ אַנגענעהם. דיא
געלעהרזאַמקייט בליהט אונטער דען עסטליכען יהודים. איהרע
רוהע ווירד דורך איהרע איננערן אונאייניגקייטען אונטערבראָכען.
איהרע געלעהרטען ראַבבינען. זיא ווערדען אין עגיפּטען פֿאָן
דעם קאַליפֿען האַקקים פֿערפֿאָלגט, דער איינע נייע רעליג=
יאָן איינפֿיהרען ווילל. זיא ווערדען אויז דעם אָסטען פֿערטריבען.
איינינגע איהרער געלעהרטעסטען מעננער געהען נאַך שפּאַניען,
אונד בעטרייבען דיא וויססענשאַפֿטען אונטער דען זאַראַצענען.
דיא יהודים ווערדען פֿאָן דעם קעניג פֿאָן גראַנאַדאַ פֿערפֿאָלגט.
קעניג פֿערדינאַנד, דער ערסטע, בעשליסט איהרע פֿער=
ניכטונג

---

* ראַזעלבסט זייטע 192. אונד 193. האַלבערג דאַזעלבסט,
זייטע 568.

ערלים אום דיאזעלבע צייט איינען עהנליכן בעשלוס, ווארויז מאן זיהט
דאס זיא דאמאלס אין פערשיעדענען טהיילען פראנקרייכס צערשטרי=
עט לעבטן. נאך צאהלרייכער גארן זיא אין לאנגעדאק. פעררעאל,
בישאף פאן אוז, ווארדע אויז זיינעם שפרענגעל פערטריבען, וויל ער
זיא מיט צו פיל מילדע אונד פריינדשאפט בעהאנדעלטע. נאכדעם ער
מעהרערע יאהרע אין דער פערוויזונג געלעבט אונד דער קעניג איהם זיי=
נען בישאפסזיץ ווידערגעגעבן האטטע; בענאהם ער זיך אויף דיא ענט=
געגען געזעצטע וויזע, אונד פערבאננטע דיא יהודים.

קעניג כילפעריך, דער 4330 (570) צור רעגירונג קאם;
בעמערקטע, דאס דיא יהודים אין פאריז צאהלרייך אונד וואהלהאבענד
ווארען, אונד בעשלאס, צוואנגסמאאסרעגעלן צו געברויכען, אום זיא
צור אבשווערונג איהרער רעליגיאן צו צווינגען. ער גאב בעפעהל, דאס
אללע, וועלכע דיא לאנדעסרעליגיאן ניכט אננאהמן, מיט דער גרעסטן
שטרענגע בעשטראפט ווערדן זאללטן.

מיט נאך גרעסערר שטרענגע ווארדן זיא פאן קעניג דאגאבערט
בעהאנדעלט, דער (628) 4388, דען פראנצעזישן טהראן בע=
שטיג. קאיזר הערקליאוס, דער דיא יהודים אויז זיינם רייכע פער=
טריב, אונד איהרע פערבאננונג אויז שפאניען פראנלאסטע, שיקטע אב=
געארדנעטע אן דאגאבערט, איהן צו פרמעגן, זיינעם ביישפילע נאכ=
צואהמן. דער קעניג צייגטע זיך דעם קאיזר וויללפעהריג, אונד פרבאנ=
טע אללע יהודים, וועלכע ניכט נוצרים ווערדן וואללטן, בייא טאדעס=
שטראפע אויז פעראנקרייך. פילע דערזעלבן, וועלכע וועגן דער פרפאל=
גונג אויז שפאניען ענטפלאהן וואָרן, ערליטטן נון איינע צווייטע פערבאנ=
נונג. *

וואמבא, קעניג דער גאטהען אין לאנגעדאק, העגטע
אויך איינן העפטיגן האס געגן דיא יהודים, אונד ערלים איינן בעפעהל,
דער זיא אויז זיינם רייכע פרוויז. אבער מיט דער גרעסטן ענטשלאססענ=
הייט ווידרזעצטן זיך איהם דער אבט ראימירוס אונד דער געריכטסהאף
צו טולוז, פראייניגטן זיך מיט איינאנדר, דיא פרפאלגטן יהודים צו בע=
שיצן, אונד דעם בעפעהלע דעם קעניגס מיט געוואפנעטר האנד ווי=
דערשטאנד צו לייסטן. דער קעניג איברטרוג זיינם ליבלינגע, דעם גרא=
פען פויל, דען בעפעהל איבער איין העער, דאז געגן דיא אויפרירער
ציהען זאללטע; אלליין שטאטט דיזע צו אונטרדריקקן, פרבאנד ער זיך
מיט איהנן, נאהם נארבאן איין, אונד ליס זיך צום קעניג קרענן. ענד=
ליך

* דאזעלבסט זייטע 187 או' פ'.

פערבאננונג דער יידישן נאציאן . אבער דיא גאטהעין וואלטן זיך ניכט גערן דער ערוועהנטען לייטע בערויבן, אן וועלכן זיא איינן אייגנטליכן דרוק אויזאיבן קאננטן, אונד דיא יהודים בליבן פארטרויערנד אין שפאניען, זייפצענד אונטר דער לאסט וועלטליכער אונד גייסטליכער געזעצע .

דיא שפאנישע גייסטליכקייט צו זיינן אבזיכטן צו בעוועגן, ריף כינטילא דיא פינפטע פערזאממלונג דער גייסטליכן צו טאלעדא צוזאממען. דיזע פערזאממלונג ערליס פערשירנע בעשליססע צו גונסטן דעס קעניגס, אונד דער קעניג ליס דיא וועלכן דורך איינע אנדרע פערזאממלונג דער גייסטליכן בעשטעטיגן, דיא ער נאך אין דעם נעהמליכען יאהרע אונד אן דעמזעלבן ארטע צוזאממן בעריף . דיא גייסטליכן, אויז וועלכן דיזע פערזאממלונג בעשטאנד, פריזן זיינן אייפר געגן דיא יהודים זעהר. זיא גענעהמיגטען פייערליך דען בעשלוס, וועלכן ער צור פערבאננונג דערזעלבן ערליס, אונד ערקלערטן, דאס אין צוקונפט קיין פירסט דען שפאנישן טהראן עהער בעשטייגן זאללטע, אלז ביז ער געשווארן האבע, אללע געזעצע געגן זיא צו בעאבאכטן, אונד דאס דער יעניגע, דער דיזע פערבינדליכקייט פערלעצע, אין דען באן געטהאן ווערדן זאללטע . *

דיזע שטרענגן געזעצע ווארדן פאן דען נאכפאלגערן דעס כינטילא, פינקטליך בעאבאכטעט . דיא גאטהישן קעניגע ערליסן איין געזעץ, וועלכס דיא פערפאלגונג דער יהודים פאללשטענדיג מאכטע . דורך דיס געזעץ ווארדע פעראָרדנעט, דאס יעדר יהודי, דער ניכט נוצרי ווערדן וואללטע, מיט איינר הארטן קערפרשטראפע, מיט פערבאננונג אויז דעם רייכע אונד איינציהונג זיינס פערמעגענס בעשטראפט ווערדן זאללטע .

ווען וויר אונס אויז שפאניען נאך דעם בענאכבארטן פראנקרייך ווענדן, זא פינדן וויר דיא יהודים דאזעלבסט נאך איממר אונטערדריקט אונד פערפאלגט . נאכדעם דיא פראנקען (פראנצאזן) דיא רעמער אויז גאלליען (פראנקרייך) פערטריבן אונד דיא פיזיגאטהן איבערוועלטיגט האטטען, ערשינען פערשידענע ווייזונגען אונד בעשליססע דער פרענקישען (פראנצעזישען) קעניגע אין היניזיכט דער יהודים . אונטער כילדעבערט, דעם ערסטן, ווארדע, (540) 4300, איין בעשלוס בעקאננט געמאכט, דער איהנען פערבאט, זיך פאן דעם גרינען דאננערסטאג אן ביז צום אסטערזאננטאג אויף דען שטראסען פאן פאריז זעהען צו לאססען . דיא פערזאממלונג דער גייסטליכען צו ארלעאנס

---

* געשיכטע דער יודען או׳ ז׳ ה׳, דאזעלבסט זייטע 185 או״פ׳ .

נאך שפאניען פערזעצט ווארדן, ווארדן אין דיזעם לאנדע צאהלרייך,
אונד ערוואָרבן זיך דורך איהרע געשיקליכקייט אים האנדל דייכטהימר.
איהר וואָהלשטאנד ערדעגטע נייד, אונד דא זיא ניכט מעהר אן דען גע=
ברויך דער וואפפן געוועהנט וואַרן, זאָ קאָננטע מאן זיא אונגעשטראפט
בעדריקקן. קאיזר הערּאקליאוס פיהרטע קריג מיט זיזעבוט, דעם
גאָטהישן קעניגע פאָן שפאניען, דער (611.) 4371. דען טהראָן
בעשטיג, אונד מאַכטע צו איינעם דער פאָרציגליכסטן פרידענסארטיקל,
דאס דער קעניג דיא יהודים צווינגן זאָללטע, ענטוועדר דיא רעליגיאָן
דער נוצרים אנצונעהמן, אָדר דאז רייך צו פערלאססן. זיזעבוט בע=
וויליגטע דיזען ארטיקל גערן, אונד ליס, אָהנע איינן זיינר בישעפע
היראיבר צו בעפראגן, יא, זאָגאר געגן איהרע פאָרשטעללונגן, דיא אויז=
געצייכנעטסטן דער יהודים איינקרקערן. נאך איינר לאנגן געפאנגענ=
שאפט נאהם איינע מענגע דערזעלבן דיא רעליגיאָן דער נוצרים אן, איהר
פרמעגן אונד איהר לעבן צו רעטטן. דיא גיטר דער אונגעהאָרזאמן וואור=
דען איינגעצאָגן, אונד זיא ווארדן זאָגאר אויף דיא פאָלטר געבראכט,
איינגע פאנדן אין דער פאָלגע געלעגענהייט, נאך פראנקרייך צו ענט=
קאָממן, וואָ זיא עהנליכע ליידן ערווארטעטן. *

דאז האַרטע פערפאהרן דעם שפאנישן קעניגס זיזענאנד געגן
דיא יהודים ווארדע פאָן איזידאָרוס, דעם בישאָף צו זעווילא,
זעהר געטאַדעלט, אונד פאָן דער איבריגן גייסטליכקייט געמיסביללגט,
אויף דער פירטן פרזאממלונג דער גייסטליכן צו טאָלעדאָ, וואָ איזי=
דאָרוס דען פאָרזיץ פיהרטע, ערקלערטע מאן (633.) 4393.,
דיא אנוועגדונג פאָן צוואנגסמאאסרעגעלן אין דער רעליגיאָן פיר געזעצ=
ווידריג. יעדאָך פעראָרדנעטע מאן היערבייא, דאס דיאיעניגן, דיא דורך
פערפאָלגונג געצוואונגן וואורדן, דיא רעליגיאָן דער נוצרים אנצונעהמן,
גענעטהיגט ווערדן זאָללטן, זיך פאָרטדויערנד צו דיזר רעליגיאָן צו בקעננן.

כינטילא, זיזענאנדס נאכפאָלגר, דער (636.) 4396.
דיא רעגירונג אנטראט, בעהאנדלטע דיא יהודים מיט דער גרעסטן שטרענ=
גע, אונד שין דיא הייליגן געוויססענסרעכטע גאר ניכט צו בעריקזיכטיגן.
דער בעפעהל דיזס מאָנארכן, דאס זיך אללע זיינע אונטרטהאנן צום גלוי=
בען דער נוצרים בעקעננן זאָללטן, וואר דיא לאָזונג צור פרפאָלגונג אונד
פערבאננונג

---

* שבט יהודה דף א' עמוד א' וכ', צמח דוד חלק שני דף כ"ה
ע"ב, סדר הדורות דף מ"ח ע"ב. געשיכטע דער יודען או' ז' וו', דא=
זעלבסט זייטע 181., או' פ'. האָלבערג דאזעלבסט, זייטע 567.

געשיכטע דער יהודים

איינם אנדערן ארטע פרטריב, וואהין זיא זיך בעגאבן, איהרע אנדאכטס-
איבונגן צו פערריכטן· דער פאפסט גאב בייא דיזר געלעגנהייט בעפעהל,
דאס מאן דען יהודים ניכט דיא מינדעסטע געוואלט צופיגן אונד איה-
נען דען רוהיגן אונד פאללן געברויך איהרר זינאגאגן געשטאטטן
וואללטע· *

דיא גרויזאמע בעהאנדלונג, וועלכע דיא יהודים (610.) 4370.
פאן דעם גריכישן קאיזר הערא קליאוס ערפוהרן, שטאך זעהר
געגן דיא מילדע דעם רעמישן בישאפס אב. דיזר מאנארך ווארדע בע-
זאנדערס דורך איינע געוויססע פראפעצייהונג געגן דיא יידישע נאציאן
אויפגעבראכט. ער בעפראגטע דיא וואהרזאגר איבער דאז שיקזאל זיי-
נעס רייכס, וועלכס אימר מעהר אין פרווירדונג אונד געפאהר געריטה,
אונד ערהילט צור אנטוואָרט: « איינע בעשניטטענע נאציאן ווערדע דען
אונטרגאנג דעם גריכישן קאיזרטהומס בעווירקן· » דער קאיזר דייטעטע דיא וויזזאגונג אירריג אויף דיא יהודים, וועלכע אין פילן טהיילען
זיינס רייכס צאהלרייך אונד מעכטיג ווארן. מאן מערקטע אבער נאכהער,
דאס דיא זאראצענען הירדורך פרשטאנדן ווארדן, וועלכע עבענ-
פאלס בעשניטטן ווארן· דיזע מאכטן דאמאלס ערשטוינליכע ערָאברונ-
גען אין אזיען אונד אפריקא, אונד ווארדן דיא גייסל דער פערזער
אונד גריכען.

הערא קליאוס, אפפענבארטע זיינען ביטטערן האס געגן דיא
יהודים דורך דיא הערטעסטע פערפאלגונג דערזעלבן. ער פרוויז זיא אויז
ירושלים, וואָ זיא ווידער צוטריטט ערהאלטן האטטן, אונד פערבאט
איהנן, אין דער נעהע דיזער שטאדט צו וואהנן. ** ער בעגניגטע זיך ניכט,
דיזע אונגליקליכן אין זיינעם אייגנן געביטע צו פערפאלגן, זאנדערן פאר-
דערטע אויך אנדערע מאנארכן אויף, דעם ביישפילע זיינער גרויזאמ-
קייט צו פאלגן.

דיא יהודים, וועלכע פאן טיטוס אונד שפעטער פאן האדריאנום

נאך

---

* האלבערג דאזעלבסט, זייטע 562. או׳ 563, 566. או׳ 567. געשיכטע דער יודען או׳ ז׳ וו׳, דאזעלבסט זייטע 178. או׳ פ׳. איבערזעצונג דער אללגעמיינן וועלטהיסטאריע או׳ ז׳ וו׳, טהייל 9. 692. §, אנמערקונג 625. ספר הקבלה להרא״בד דף זין עמוד ב׳, צמח דוד חלק ראשון דף כ״ח עמוד א׳, סדר הדורות דף מ״ג עמוד א׳ וב׳.

** מעהרערע יאהרע נאכהער ווארדע ירושלים פאן דען זאראצענען עראבערט, וויא וויר אבען ערוועהנטן.

זיך דיא יהודים, וועלכע איינע גינסטיגע ענדערונג איהרר לאַגע האָ[illegible]טן,
איבר איהרע זיגע יעצדעגערד (איסריגערטעס)׳ דער דריטטע,
דער לעצטע פערזישע מאָנאַרך אויז דעם הויזע דער זאַססאַניער,
פערפאָלגטע זיא העפטיג, ריימטע איהרע זינאַגאָגן דען מאַגיערן איין,
אונד ליס איהרע האָכשולן שליסן. דיא שנעללן עראָבערונגן דער פיינדע
איהרעס גרויזאַמן בעדריקקערס ענטשפראַכן זעהר איהרן ווינשן. דער ער=
וועהנטע קאַליף אָמאַר׳ דער פערזיען עראָבערטע אונד דען קעניג
יעצדעגערד פאָם טהראָנע שטיס, צייגטע זיך איהנען גנעדיג, אונד גאַב
איהנען איהרע רעליגיאָנספרייהייט ווידער. דער קאַליף אַלי, זאָהן דעס
אַבוטאַלעב, וואַר איהנען בעזאָנדערס געוואָגן, אונד גאַב דאַראַ, דיא
טאָכטר דעס קעניגס יעצדעגערד, וועלכע פאָן דען זאַראַצענען גע=
פאַנגען גענאַממן וואורדע, דעם רבי בוסתנאי, דעם פירסטן דער גע=
פאַנגנשאַפט, צור געמאַהלין. איברהויפט בעהאַנדעלטן דיא ערסטן קאַליפן
דיא יהודים מיט גראָסר מילדע. דיא פירסטן דער געפאַנגנשאַפט שטאַנדן צו
דיזר צייט אין גראָססעם אַנזעהן, אונד פילע בעריהמטע לעהרער בליהטן אין
דען יידישן האָכשולן, דיא דאַמאַלס ווידר ערעפפנעט וואורדן, אונד אַלל=
מעגליך איהרן עהמאַליגן גלאַנץ ווידר עררייכטן.

מעהרערע פעפסטע צייגטן זיך דער יידישן נאַציאָן עבן זאָ גנעדיג,
אלז דיא ערסטן קאַליפען. דיא יהודים וואורדן אין איטאַליען, וואָ זיא
אין דיזעם יאַהרהונדערטע צאַהלרייך וואַרן, פאָן דעם פאַפסטע גרעגאָ=
ריאוס, דעם גראָסן׳ דער פאָן (590.) 4350 ביז (604.)
4364. רעגירטע, מיט גראָסר גיטע בעהאַנדעלט. ער ערמאַהנטע זיי=
נע גייסטליכקייט אונד איהרע געמיינדן, רעכטשאַפפן אונד מילד געגן זיא
צו האַנדעלן, אייסערטע קרעפטיג זיינן אַבשייא געגן דיא פערפאָלגונגן,
דיא זיא אין מעהרערן לענדערן ערדולדן מוסטען, אונד מיסבילליגטע דען
אייפר דער בישעפע געגן זיא. אלז דער בישאָף פאָן קלערמאָנט דרייא
הונדערט יהודים געצוואונגן האַטטע, דיא רעליגיאָן דער נוצרים אנצונעה=
מען: זאָ בעפאַהל ער׳ דאַס דיס ניכט עפטר געשעהן זאָללטע. איינע
עבטיססין אין זיציליען ליס איהן וויססן, דאַס זעהר פילע זיציליאַ=
נישע יהודים בערייט וועהרן, דיא רעליגיאָן דער נוצרים אנצונעהמן; אונד
ער בעפאַהל, מיט דער אויפנאַהמע דיזר לייטע ניכט צו איילן, זאָנדערן
פאָרהער געוויא צו אונטרזוכן, אָב דיא פערענדרונג איהרר רעליג=
יאָן איהנן אויך ערנסטליך וועהרע. מיט דערזעלבן פרייזווירדיגען
דענקאַרט מיסביללינטע ער דאַז בענעמן דעס בישאָפס פאָן טערראַצינאַ,
דער איהנן אין זיינם שפרענגל איינע זינאַגאָגע נאַהם, אונד זיא אויז

געשיכטע דער יהודים

אים יאַהר (625) 4385 בעלאַגערטע מוהאַממעד דיא יהודים אין העגיאַזאַ, צוואַנג זיא, זיך איהם אויף גנאַדע אונד אונגנאַדע צו ערגעבן, אונד פערוויז זיא אויז דעם לאַנדע. ער צאָג איהרע רייכטהימר איין, אונד פערטהיילטע זיא אונטר זיינע אַנהענגער. נאַך מעהרערן געפעכטן, אין וועלכן מוהאַממעד זיגטע, גריף איהן קאַיאַ בייא קאַיבאַר אַן, אונד אַבגלייך דיזר אָרט דער זיץ דער יידישן מאַכט אין אַראַביען וואַר, זאָ וואורדן דיא יהודים דאָך געשלאַגן, אונד איינע גראָסע מענגע דערזעלבן פערלאָר דאַז לעבן. איהר אונגליקליכר העערפיהרר, דער הירבייא נור מיט מיהע ענטקאַם, וואַגטע נאָך איין אַנדרעס טרעפפען, וואורדע נאָכמאַלס אין דיא פלוכט געשלאַגן אונד ערטרוג דען טאָד מיט דער ערשטוינליכן שטאַנדהאַפטיגקייט, וועלכע זיינע נאַציאָן אויזצייכנעט. נאַך בעענדיגונג דעם אונגליכן קאַמפפעס וואורדן דיא יהודים פאָן דעם זיגער אונטר דאַז יאָך געבראַכט אונד געצוואונגן, איהם איינע יעהרליכע שטייער צו געבן. איינינע צייט נאָך מוהאַממעדס טאָדע וואורדן זיא נאָך זירין פערזעצט, דאַ ער בייא זיינעם הינשיידן אויזדריקליך פערלאַנגטע, דאַס אין אַראַביען, זיינעם פאַטרלאַנד, נור זיינע רעליגיאָן אַלליין אויזגעאיבט ווירדע. *

דיא קאַליפען, מוהאַממעדס נאַכפאָלגר, פעראייניגטן דיא גייסטליכע אונד וועלטליכע מאַכט אין איהרר פערזאָן. ניכטס קאָננטע איהרר טאַפפרקייט ווידרשטעהן, וויל זיא דיא פירכטערליכסטע שווערמערייא בעזעעלטע. דער צווייטע קאַליף, אָמאַר, ואָהן דעם אַלכיטטאַב, וואַר איינר דער עראָבערר, דיא רייסענדע פאָרטשריטטע מאַכטן, אונד שרעקליכע פערהעערונגן אויף דער ערדע פערברייטעטן. וועהרענד זיינר צעהניעהריגן רעגירונג אונטרוואַרף ער זיך אַראַביען, זיריען, באַבילאָניען, אַססיריען, מעזאָפאָטאַמיען, פערזיען, פאַלעסטינאַ, עגיפטען, באַרקאַ אונד טריפאָלי. מיט דען זאַראַצענען, דיא אונטער זיינן בעפעהלן פאָכטן, שלאָס ער ירושלים איין, אונד דיא נוצרים איבערגאַבן (637) 4397, נאַך איינר האַרטנעקקיגן, פירמאָנאַטליכן בעלאַגערונג, דיא שטאַדט, נאַכדעם זיא איינען עהרענפאָללן פערגלייך ערהאַלטן האַטטן. דער זיגער וואָללטע איהנען איהרע בעטהניזר ניכט נעהמן; אַבר אויף זיינען בעפעהל וואורדע אויף דער שטעללע, וואָ דער טעמפל שלמה׳ס שטאַנד, דיא ערסטע מאָסקעע (דאַז ערסטע מוהאַממעדאַנישע בעטהויז) אין ירושלים ערבויעט.

אַלז זיך פערזיען דען זיגרייכן זאַראַצענען אונטרוואַרף, פרייעטן זיך

---

* האָלבערג דאַנועלבסט, זייטע .562. געשיכטע דער יודן או׳ ז׳ וו׳, דאַזעלבסט זייטע .174 או׳ פ׳.

דער זאראצענען אין פערזיען · זיא ווערדן פֿאָן דען
ערסטן קאליפֿען בעגינסטיגט. דיא יהודים אין איטאַ=
ליען ערהאַלטן פֿאָן דעם פּאַפּסטע גרעגאָריאוס, דעם
גראָסען, שוץ. קאַיזער הערקליאוס בעהאַנדעלט
זיא שטרענג, אונד מונדערט אַנדערע פֿירסטען צו איהרר פֿער=
פֿאָלגונג אויף · אין שפאַניען ווערדן דיא יהודים פֿאָן זי=
זעבוי · דעם גאָטהישען קעניגע דיזעס לאַנדס, גרויזאַם
פֿערפֿאָלגט . בעשליססע דער גייסטליכן פֿערזאַממלונג צו
טאָלעדאָ. דיא יהודים אין פֿראַנקרייך. זיא ווערדען פֿאָן
דעם קעניג דאַגאָבערט אונד דעם גאָטהישען קעניג
וואַמבאַ פֿערטריבן. זיא שטיפֿטן איינע האָכשולע אין לינעל.

אום דאַז יאַהר (י׳ 622) · 4382 ערשין דער בעריהמטע אַראַבר
מוהאַממעד, אונד שטיפֿטעטע איינע נייע רעליגיאָן (דיא מוהאַמ=
מעדאַנישע), וועלכע דורך דיא געוואַלט דער וואַפֿפֿן אייסערסט
שנעללע פֿאָרטשריטטע מאַכטע. פֿילע יהודים וואָרן, נאָך דער פֿערהעע=
רונג איהרס פֿאַטרלאַנדס, נאָך אַראַביען געפֿליכטט, אונד דיא ער=
ווערבזאַמן פֿליכטלינגע געלאַנגטן אַללמעליג צור פֿרייהייט אונד מאַכט;
ערהילטן דען בעזיץ מעהרערר שטערטע אונד פֿעסטונגן, אונד האַטטן
קריגסהעערע אונד פֿירסטן, דיא זיא בעפֿעהליגטן· איהרע מענגע אונד
איהר אַנזעהן בעוואָגן אַנפֿאַנגס מוהאַממעד, זיא מיט גראָסר אויפֿ=
מערקזאַמקייט צו בעהאַנדעלן. ער נאַהם פֿילע פֿאָן איהרן מיינונגן אונד
געברייכן אַן, ויא צו זינם פֿאָרטהיילע צו געווינגן. אַבער נאַכמאַלס וואורדע
ער איהר געשוואָרנר פֿיינד, ווייל זיא זיינר לעהרע העפֿטיג ווידרשפּראַכן,
אונד זיין אונפֿרזעהנליכר האַס געגן דים אונגליקליכע פֿאָלק דויערטע ביז
אויף דען לעצטן אויגענבליק זיינס לעבענס.

דער יידישע שטאַם קאַינאָקאַ וואָהנטע אין מעדינאַ אונטער
דעם שוצצע דער שטאַדט· מוהאַממעד בעניטצע דיא געלעגענהייט
איינס צופֿעלליגן לערמס, אונד פֿאָרדרטע דיא יהודים דאַזעלבסט אויף,
ענטוועדר זיינע רעליגיאָן אַנצונעהמן, אָדר געגן איהן צו קעמפֿפֿן. „ אָך
ערווידרטן זיא ציטטערנד, „ וויר זינד ניכט גוט אים געברויכע דער וואַפֿפֿן
„ געאיבט, אַבער וויר בעהאַרדן אים גלויבן אונד אים גאָטטסדינסטע אונז=
„ רער פֿעטר; וואַרום ווילסט דוא אונז אין דיא נאָטהווענדיגקייט איינר
„ גערעכטן פֿערטהיידיגונג פֿערזעצצן? „ אַבער דער קריג וואַר אונפֿער=
מיידליך, אונד קאַיאַ, איינר דער אויזגעצייכנעטסטען מעננר דער יידי=
שען נאַציאָן, דער זיך שטעטס דען מאַאַסרעגעלן מוהאַממעדס ווי=
דערזעצטע, שטעללטע זיך אַן דיא שפּיצצע זיינר לאַנדסלייטע.

נאַם

געשיכטע דער יהודים

דיזע שטרענגן בעפֿעהלע דעם קאַיזערס ערביטטערטן דיא יהודים אויף דאַז העכסטע, אונד איהר אַללגעמיינער אונוויללע בראַך ענדליך אין איינען אָפֿפֿענבאַרן אויפֿשטאַנד אויז. אים יאַהר (555) 4315 פֿעראייניגטן זיך אין צעזאַרעאַ דיא יהודים אונד זאַמאַריטאַנער, דיא זאָנסט איינאַנדער זאָ זעהר האַסטן, אונד עמפערטן זיך געגן דיא קאַיזערליכע רעגירונג. היערביי קאַמען פֿילע בעוואָהנער דער שטאַדט אום, אונטער וועלכן זיך אויך דער שטאַטטהאַלטער בעפֿאַנד, דער אין זיינעם איינגנען פּאַללאַסטע ערשלאַגן װאורדע. יוסטיניאַנוס טראַף, אויף דיא נאַכריכט פֿאָן דיזעם געפֿערליכן אויפֿשטאַנדע, דיא ווירקזאַמסטן אַנשטאַלטן. ער ליס דיא שטיפֿטער דער עמפּערונג הינריכטן אָדער פֿערבאַננען, אונד צאָג איהר פֿערמעגן איין.

דיא יהודים פֿעראייניגטן זיך אין איטאַליען מיט דען גאָטהען, דערען אונטערטהאַנען זיא וואַרען, געגן יוסטיניאַנוס אונד זיינען העערפֿיהרער בעליזאַריאוס. אַלז דיזער בעריהמטע העערפֿיהרער נעאַפּעל בעלאַגערטע, פֿערטהיידיגטן זיא דיא שטאַדט מיט דער גרעססטן ענטשלאָססענהייט אונד טאַפּפֿערקייט. דיא בירגער וואָללטן קאַפּיטולירען; אַבער זיא מונטערטן דיאזעלבן אויף, אונד בערעדעטן זיא, ביז אויף דאַז אייסערסטע אויזצוהאַלטן. דורך דיזע אַנשטרענגונגן צאָג זיך דיא בעלאַגערונג אין דיא לענגע, אונד היערביי פֿערלאָרן פֿילע דער בעלאַגערער איהר לעבן. ענדליך עראָבערטע בעליזאַריאוס דיא שטאַדט, אונד אָב ער שאָן זיינע קריגער צור שאָנונג אונד מילדע ערמאַהנטע, זאָ װאורדן דיא יהודים דאָך, אָהנע אונטערשיד דעם אַלטערס, געשלעכטעס אונד שטאַנדעס, אויף איינע גרויזאַמע ווייזע נידערגעהויען. *

זיבען אונד צוואַנציגסטעס קאַפּיטעל

מוהאַממעדס ערשיינן. זיין בענעהמן געגן דיא יהודים. זיא װערדן געצוואונגן, דיא וואַפֿפֿן געגן איהן צו ערגרייפֿן, װערדן בעזיגט אונד צינזבאַר געמאַכט. שנעללע עראָבערונגן דעס קאַליפֿען** אָמאַר. ער בעלאַגערט ירושלים, אונד נימממט עז איין. דיא יהודים פֿרייען זיך איבער דיא זיגע דער

זייטע 561 או' פ', געשיכטע דער יודן או' ז' וו', דאַזעלבסט זייטע 761 או' פ'.

* האָלבערג דאַזעלבסט, זייטע 565. 564. געשיכטע דער יודן או' ז' וו', דאַזעלבסט זייטע 173 172.

** דיא נאַכפֿאָלגער מוהאַממעדס פֿיהרטן דען טיטעל „קאַליף" (האָהעפּריסטער).

איבריגן בעוואָהנר דער פֿאָן איהם עראָבערטן לענדר בעהאַנדעלט. ער פֿערפֿאָלגטע זיא אין פערזיען, ליס אַללע איהרע האָכשולן שליסן, אונד דיא יידישע געלעהרזאַמקייט נאַהם אין דיזעם לאַנדע זעהר אַב. אין דיזר פֿיר ישראל זאָ אונגליקליכן צייט לעבטן רב סימונא אונד רב עינא, דיא לעצטן רבנן סבוראי (סעבורעער); ערסטערער וואַר פֿאָרשטעהר דער האָכשולע אין פומבדיתא אונד לעצטערער אין סורא. רב סימונא שטאַרב (540) 4300.

האָרמיסדאַס, דער דריטטע, דער (589) 4349, זיינעם פֿאַטר, קאָסראָעס, דעם גראָסן, אויף דעם טהראָנע פֿאָלגטע, גאַב דען יהודים איהרע פֿאָריגן פֿרייהייטן ווידר, אונד זיא בליבן, וועהרענד זיינר רעגירונג, אין דעם אונאונטרבראָכענען גענוססע דערזעלבן. דיא יידישן שולן אין פערזיען וואורדן ווידר ערעפֿפֿנעט, אונד דיא האָכשולע אין פומבדיתא וואורדע דער לייטונג דעם בעריהמטן רב חנן אויז אישקא (איסקאַ) איבערגעבן. דיזר וואַר דער ערסטע אין דער רייהע דעריעניגן ראַבבינען, וועלכע דען טיטעל «גאונים (דיא ערהאַבענען, פֿאָרטרעפֿפֿליכן)» פֿיהרטן. דיזע געלעהרטן, דיא הייפטר דער זינאַגאָגן, וואַרען דיא ערקלערער דעם געזעצעס, אונד איהרע אויזשפריכע וואורדן פֿאָן איהרן ברידערן, אַלז ריכטשנור דעם לעבענס, אַנגענאָממן.

וועהרענד דיא עסטליכן יהודים אין דיזעם צייטרוימע פֿילע פֿערפֿאָלגונגן אויזשטאַנדן, וואורדן איהרע ברידר אים וועסטן גרויזאַם בעדריקט, אונד מאַן ענטריס איהנען אַללמעליג איהרע פֿרייהייטן אונד פֿאָררעכטע. דער גריכישע קאַיזר יוסטיניאַנוס, דער (527) 4287 דען טהראָן בעשטיג, מאַסטע זיך דאַז פֿאָררעכט אַן, איבר אַללע רעליגיעזן שטרייטיגקייטן צו ענטשיידן, אונד ערליס איינען בעפֿעהל, דאַס דיא יהודים איהר פסח-פֿעסט צו גלייכר צייט מיט דעם אָסטער-פֿעסט דער נוצרים פֿייערן זאָללטן. ניכט לאַנגע דאַראויף פֿערבאָט ער דען אָבריגקייטן, דאַז צייגניס איינעם יהודי געגן איינען נוצרי אַנצונעהמן, אונד נאַהם דען יהודים דאַז רעכט, טעסטאַמענטע צו מאַכן. דאַן פֿאָלגטע איין נאָך הערטערער בעפֿעהל, דאַס זיא איהרע קינדר ניכט אין איהרר רעליגיאָן ערציהן זאָללטן. ענדליך ענטצאָג דער קאַיזר, אויף אַנזוכען דעם ראַטהעס פֿאָן קאַרטהאַגאָ, דען יהודים אין אַפֿריקאַ דאַז רעכט איהרר רעליגיאָנסאיבונג, אונד בעפֿאַהל דעם שטאַטהאַלטר דער פראָפֿינץ, איהרע זינאַגאָגן אין קלעסטר צו פֿערוואַנדעלן. *

דיזע

* צמח דוד, חלק ראשון דף כ"ה עמוד א'. האָלבערג דאַזעלבסט.

געשיכטע דער יהודים

לעהרטן פֿיגטן ניכטס צו דעם תלמוד הינצו, אונד נאַהמען ניכטס פֿאָן דעמזעלבן וועג, זאָנדערן ענטוויקקעלטן נור, בייא אויפֿגעוואָרפֿענען פֿראַגען, פֿערשידנע גרינדע פֿיר אונד ווידער, דיא טהאַלמודישן אַבהאַנדלונגן דייטליכר צו ערקלערען· דער ערסטע דערזעלבן וואַר רב יוסי, וועלכר פֿאָרשטעהער דער האָכשולע אין פומבדיתא (פומבעדיטהאַ), פֿאָן דעם יאַהר (476) 4236 אַן ביז צום יאַהר (514) 4274, וואַר.

אום דאַז יאַהר (522) 4282 ערליטטן דיא יהודים אים אָסטן איינע העפֿטיגע פֿערפֿאָלגונג· קאַוואַדעס, קעניג פֿאָן פערזיען, איין בלוטגיריגר העררשר, וואָללטע אַללע זיינע אונטערטהאַנען צור אַננאַהמע דער פערזישן רעליגיאָן צווינגן, אונד פֿערפֿאָלגטע דאַהער יהודים אונד נוצרים אויף איינע גרויזאַמע וויזע. ער ליס דיא יהודים פלינדערן אונד ערמאָרדן, אונד אויף זיינען בעפֿעהל וואורדן מר זוטרא, דער דאַמאַליגע פֿירסט דער געפֿאַנגענשאַפֿט (ראש גלות), אונד דער פֿאָרשטעהר דעם יידישן ראַטהס דער שטאַדט מחוזא (מאַהוזאַ) אויף איינר בריקקע דאַזעלבסט אויפֿגעהנקט. דיא פֿאַמיליע דעם פֿירסטן, דיא פֿאָן דעם קעניגליכן הויזע דוד'ס אַבשטאַממטע, ענטגינג נור דורך שנעללע פֿלוכט דעם טאָדע. זיין זאָהן, מר זוטרא, דער יינגערע, בעגאַב זיך נאַך פאַלעסטינאַ, אונד וואורדע אין דיזעם לאַנדע צום פֿאָרשטעהר איינעם יידישן ראַטהס ערוועהלט. *

אויך קאָסראָעס, דער גראָסע, דער זיינעם פֿאַטר קאַוואַדעס אויף דעם פערזישן טהראָנע פֿאָלגטע, צייגטע זיך אַלז פֿיינד דער יהודים. זיא, איהרר זייטס, אונטערשטיצטן דען קעניג אויף דיא קרעפֿטיגסטע וויזע· זיא ערבאָטן זיך, איהם אין דעם קריגע, וועלכן ער געגן דען גריכישן קאַיזר יוסטיניאַנוס פֿיהרטע, 50000 מאַן צו שטעללן, דורך דערן ביישטאַנד ער אין פאַלעסטינאַ איינדרינגן אונד ירושלים, איינע דער רייכסטן שטעדטע דער דאַמאַליגן וועלט, עראָבערן קעננע. קאָסראָעס נאַהם דיזן אַנטראַג אַן, בראַך דיא פֿרידענסאונטערהאַנדלונגן אַב, וועלכע צווישן איהם אונד דעם קאַיזר בעגאָננען וואַרן, אונד שריטט צור אויספֿיהרונג דעם קיהנען ענטוואורפֿעס. דאַ אַבער דער ערפֿאָלג דיזער קריגסאונטערנעהמונג דער ערוואַרטונג דעם קעניגס ניכט ענטשפּראַך, זאָ שטיג זיין האַס געגן דיא יהודים אימער העהער· בייא זיינעם פֿערהעערענדען איינפֿאַלל אין זיריען ערליטטן זיא דאַז אַללגעמיינע עלענד, אונד וואורדן עבען זאָ שטרענג, אַלז דיא איבריגן

---

* האָלבערג דאַזעלבסט, זייטע 558 או' פ'. געשיכטע דער יודן או' ז' ו', זייטע 164 או' פ'. צמח דוד, חלק ראשון דף כ"ד ע"א וב', סדר הדורות, דף מ"ה ע"א ב', מ"ו עמוד א' ונון עמוד ב', סוף סדר עולם זוטא.

רב אשי בעגאַן איינע זאַממלונג דער געדאַנקן, שפּריכע, גלייכ= ניסרעדן, ערערטרונגן אונד געזעצצעסענטשיידונגן דער ראַבבינן פֿאָן דען טאַגן רבי יהודה'ס, דעם נשיא, אַן ביז אויף זיינע צייט; אַבער זיין טאָד הינדערטע איהן אַן דער פֿאָללענדונג דיזעס ווייטלייפֿיגן ווערקס. עז וואַרד פֿאָן זיינן שילערן פֿאָללענדעט, אונד „דער באַבילאָנישע תלמוד" גענאַננט, וויל עז אין באַבילאָניען פֿערפֿאַסט וואורדע. דער באַבילאָנישע תלמוד (תלמוד בבלי) איזט איינע פֿאָרטזעצ= צונג דעס יערוזאַלעמישן תלמוד'ס, (תלמוד ירושלמי) אונד ענט= העלט, וויא יענר, דיא משנה, אַלז טעקסט, אונד דיא גמרא (פֿאָל= לענדונג, אויזאַרבייטונג), אַלז ערקלערונג דערזעלבן. *

נאַך דעם טאָדע דעס רב אשי וואורדע דיא פֿאָללענדונג דעס באַבילאָנישן תלמוד'ס לאַנגע דורך איינע העפֿטיגע פֿערפֿאָלגונג אויפֿגעהאַלטן, וועלכע דאַמאַלס אין פּערזיען געגן דיא יידישע נאַציאָן וויטהעטע. אים יאַהרע 4234 (474) וואורדן, אויף בעפֿעהל דעס פּערזישן קעניגס פֿעראָצעס (פֿירוץ), דיא פֿאָרנעהמן ראַבבינען, מר הונא, זאָהן דעס רב אשי, פֿירסט דער געפֿאַנגענשאַפֿט, אמימר, זאָהן דעס מר ינוקא, אונד רב משרשיא, זאָהן דעס פקוד, איינגעקערקערט, אונד ערטרונגן ענדליך דען טאָד מיט ערשטוינליכר שטאַנדהאַפֿטיגקייט. דיא שבת=פֿייער וואורדע דען יהודים פֿערבאָטן, איהרע זינאַגאָגן אונד שולן וואורדן פֿערשלאָססן, אָדער דען מאַגיערן (זאָננענפּריסטערן דער פּערזער) איינגערוימט, אונד עז וואַר איינע צייט דער ביטטערן ליידן פֿיר ישראל. איינדעס זעצטן, נאַך דיזר גראָסן פֿער= פֿאָלגונג, דיא געלעהרטן ראַבבינען דיא צוזאַממענטראַגונג דעס באַבי= לאָנישן תלמוד'ס ווידר פֿאָרט, אונד דערזעלבע וואורדע אום דאַז יאַהר 4260 (500) פֿאָללענדעט. אין דיזעם יאַהרע שטאַרב דער בעריהמטע רבי אבינא (רבינא), וועלכר דער לעצטע דער אמור= אים (דאָלמעטשר, ערקלערער דער משנה) וואַר.

אין דיזעם צייטרוימע בליהטן אויך דיאיעניגן ראַבבינען, וועלכע רבנן סבוראי (סעבוראער) * גענאַננט וואורדן. דיזע יידישן גע=

לעהרטן

---

* האַלבערג דאַזועלבסט, זייטע 556. 557. געשיכטע דער יודן או' ז' וו', דאַזועלבסט זייטע 160 או' פֿ'. צמח דוד, חלק ראשון דף כ"ד עמוד א'.

** דיא בענעננונג: סבוראי שטאַממט פֿאָן דעם כאַלדעאישן וואָרטע סברא אַב, וועלכעס איינען פֿערנונפֿטגרונד, פֿערנונפֿט= שלוס בעדייטעט.

באַרישן נאַציאָן. בעזאָנדערס פֿערדינט טהעאָדאָריקוס (טהעאָראָריך), דער ערסטע גאָטהישע קעניג אין איטאַליען, דאַז גרעססטע לאָב וועגן זיינר דולדזאַמקייט אונד זיינעס ערעלמוטהעס, צו וועלכן איהן זיין וועיזר ראַטה קאַססיאָדאָרוס אַנלייטעטע. וועהרענד זיינר רעגירונג, דיא (493) 4253 בעגאַן, לעגטן דיא יהודים וועגן דעם האַנדעלס, אונטר דעם שוטצע דער געזעצע, אין נעאַפעל, ראָם, מאַילאַנד אונד גענואַ נידרלאַססונגן אַן; אַבר איהרע פערזאָנען וואַרן מיסהאַנדלונגן אויזגעזעצט, אונד אין ראַוועננאַ אונד ראָם וואורדן זיא, אונטר דען עלענדעסטן אונד טאָללסטן פֿאָרוועגדן, פֿאָן דעם פעבעל געפּלינדערט. טהעאָדאָריקוס האַלף דיזן מיסברייכן אַב, שיצטע זיא געגן דיא אייפֿערער אונטר דען נוצרים, אונד פֿערבאָט דיזן, צוואַנגסמאַסרעגעלן געגן זיא צו ברויכן. ער גאַב דעם רעמישן ראַטהע איינען פֿערוויז, דאַס ער צולים, איינע איהרר זינאַגאָגן צו פֿערברענגען, אונד דיא גייסטליכקייט אין מאַילאַנד בעקאַם גלייכפֿאַלס פֿאָרווירפֿע פֿאָן איהם, דאַס זיא פֿערזוכטע, זיך איינר אַנדערן זינאַגאָגע צו בעמעכטיגן. דיא בירגר פֿאָן גענואַ ענטצאָגן איהנען דיא פֿרייהייט, דיא זיא לאַנגע צייט אונטר איהנען גענאָסן, אונד זיא זוכטן בייא טהעאָדאָריקוס הילפֿע. דער קעניג ערלויבטע איהנען, איהרע זינאַגאַגען ווידער אויפֿצובויען, אונד זעצטע זיא ווידער אין דען פֿרייען גענוס איהרר בירגערליכן אונד רעליגיאָנען רעכטע איין. זאָ וואַר, בייא דעם שלוססע דיזעס יאַהרהונדערטס, דער צושטאַנד דער יהודים אים רעמישן רייכע. זיא ליטטן אָפֿט דורך געוואַלטטהעטיגע עמפערונגן אונד דורך דען האַס דעם פֿאָלקעס; אַבר דיא מאַכט דער הערשר געוועהרטע איהנען דיא ערהאַלטונג איהרר וויכטיגסטן פֿרייהייטן.

אין דיזעם צייטרוימע בעפֿאַנדן זיך דיא יידישן האָכשולן אים מאָרגענלאַנדע אין איינם בליהענדן צושטאַנדע, אונטר דער וויזן לייטונג דעם בעריהמטן רב אשי. ער וואַר צו סורא (סאָראַ) אין באַבילאָניען געבאָרן, וואורדע שאָן אין זיינם פֿונפֿצעהנטן יאַהרע צום פֿאָרשטעהר דער האָכשולע דיזר שטאַדט ערוועהלט, אונד פֿערוואַלטעטע זיין אַמט זעכציג יאַהרע לאַנג. ער בעזאַס רייכטהום אונד אַנזעהען, טיפֿע געלעהרזאַמקייט, איננינע גאָטטספֿורכט, ערהאַבנהייט דעס גייסטעס אונד וואַהרהאַפֿטע דעמוטה, פֿאָרציגע אונד טוגענדן, דיא איהן, וויא רבי יהודה, דען נשיא, אונטר אַללן ראַבבינן אין האָהם גראַדע אויזצייכנעטן. דיזר גראָסע מאַן שטאַרב אים יאַהר (427 ‏.) 4187.

פֿליכטן איהרער רעליגיאָן צו ערפֿיללן. דאָך פֿערבאָט ער דען יהודים, נייע זינאגאגען צו בויען אונד פראָזעליטן (בעקעהרטע) צו מאכען, אונד ערקלערטע זיא פֿיר אונפֿעהיג, אונטר דען רעמישען קריגערן צו דינען.

אין דיזעם יאהרהונדערטע ווארד דיא שטעללע דעם נשיא, דער דאָזו הויפט דער וועסטליכן יהודים וואר, אויפֿגעהאָבן. דיא קאיזר טהעאָדאָזיאוס, דער ערסטע, אונד וואלענטיניאנוס נאהמן דען נשיאים איהר אמט, אונד ליסן דיא בייטרעגע, וועלכע צו איהרעם אונטרהאלט ערהאָבן וואורדן, אין דען קאיזרליכן שאץ ליפֿערן. האָנאָריאוס טהאט אים אנפֿאנגע זיינר רעגירונג דאזועלבע, גאב אבר נאכהער דעם נשיא זיין אלטעם רעכט ווידר. ענדליך שאפֿפֿטע קאיזר טהעאָדאָזיאוס, דער צווייטע, דיא ווירדע דער נשיאים, צו דערען אונטרשטיצונג שאָן לענגסט דאז געהעריגע איינקאָממן פֿעהלטע, אים יאהר 4189 (429) גענצליך אב. פֿאָן דיזעם צייטפונקטע אן שטאנדן דיא זינאגאגן אים וועסטן אונטר דער לייטונג דער אָברהייפטר, דיא פרימאטן היסן.*

בייא דעם איינברוכע דער בארבארישן פֿעלקר אין דאז וועסטליכע רעמישע רייך, וועלכר אין דיזעם צייטרוימע ערפֿאָלגטע, ערליטטן דיא יהודים נור דיאיעניגן איבעל, וועלכע געוועהנליך אים געפֿאָלגע גראָסר אומוועלצונגן זינד. אונטר דען וואנדאלען, דיא דאמאלס אין אפֿריקא הערשטן, גענאָססן זיא פֿאללקאָממענע רעליגיאָנספֿרייהייט, אונד מאן געשטאטטעטע איהנען, פֿיר איינע געוויססע זוממע געלדעס, פֿרייהייט דעם האנדעלס. בייא דיזן בארבארן, דיא נור אם קריגע איהרע לוסט פֿאנדן, שטאנד דער האנדעל אין גערינגעם אנזעהן, אונד זיא איבערליסן דענזעלבן איינעם פֿאָלקע, דאז געוועהנליך מיט שימפף אונד פֿעראכטונג בעהאנדעלט וואורדע, אונד פֿאָן דעם גענוססע אללר עהרעמטר אונד ווירדן אים שטאאטע אויזגעשלאָססן וואר.

נאכדעם דיא גאָטהען בעזיץ פֿאָן איטאליען גענאָממן האטטן, ערהילטן דיא יהודים פֿאָרטדויערנד שוץ אונטר דען קעניגן דיזר בארבארישן

---

* האָלבערג. דאזועלבסט, זייטע 554. 553. געשיכטע דער יודען אַו׳ ז׳ וו׳, דאזועלבסט זייטע 157. אַו׳ פֿ׳. נאך ר׳ דוד גאנז אונד אנדערן יידישן געשיכטשרייבערן הערטן דיא נשיאים לאנגע פֿאָר דעם יאהרע (429) 4189 אויף, זיהע צמח דוד, חלק ראשון דף כ״ג ע״ב ודף כ״ד ע״א, סדר הדורות דף מ״ד ע״ב.

געשיכטע דער יהודים

אלעקסאנדריען פעראַרמטע דורך דען פערלוסט פלייסיגער אונד רייכר בירגר, דיא זייט דען טאַגן אלעקסאנדערס, דעס גראָסן, דאָזעלבסט וואָהנטען, אונד זיך דורך מאַנניגפאַלטיגע געשיקליכקייט אונד גוטע זיטטען אויזצייכנעטן.

אָרעסטעס וואַר איבר דיזען איינגריף אין זיינע רעכטע וויטהענד, אויך ערקלערטע זיך דאַז פאָלק געגן דאַז פערפאַהרן דעס בישאָפס, אונד זוכטע איהן דאהין צו פערמעגן, דעם שטאַטטהאַלטר נאַכצוגעבן; אבער ער שלוג דיזן אנטראַג ענטשלאָססן אויז. דער עפפענטליכע שטרייט, דער נון צווישן איהנן אויזבראַך, פעראַנלאַססטע שרעקליכע עמפערונגען, דיא פילן מענשן דאַז לעבן קאָסטעטן. *

צו דערזעלבן צייט, אום דאַז יאַהר (412.) 4172, בעמאַכטיגט זיך קאַיזר האָנאָריאוס, דער דריטע אבענדלענדישע קאַיזערטהום בעהערשטע, מיט דער וואָלדזאַמקייט איינס ערלייכטעטן צייטאַלטערס. אונטער דעם מעכטיגן שוטצע דיזעס העררשערס גענאָסן דיא יהודים פאַללע רעליגיאָנספרייהייט. ער ערליס איין געזעץ וועלכעס איין בעווייז זיינר עדלען דענקאַרט אונד זיינר אויזגעברייטעטן איינזיכטן וואַר; דען עז לעהרטע, דאַס דער וואַהרע רוהם איינעס פירסטן דאַרין בעשטעהע, אללן זיינען אונטערטהאַנן פאָן פערשידנן גלויבענסאַרטן דען פאָללקאָממענן אונד פרידליכן גענוס אללר איהרר רעכטע אונד פרייהייטן צו געשטאַטטן. צופאָלגע דעססן פעראָרדנעטע ער אויזדריקליך בייא האַרטר שטראַפע, קיינע זינאַגאָגע צו צערשטערן, אָדער צו אנדערן צוועקקן, אויסר דעם יידישן גאָטטעסדינסטע, צו בעשטיממן. אויך בעפאַהל ער, דיא יהודים ניכט, וועגן איהרר עפפענטליכן דינסטע, צור פערלעצצונג דער שבתפייער צו צווינגן; דאַ דיא איבריגן זעכס וואָכענטאַגע הינרייכענד צור פעררינכטונג וועלטליכר געשעפטע זייען. ער מיסבילליגטע דיא באָסהאַפטן פערלייםדונגן, וועלכע מאַן געגן דים אונטערדריקטע פאָלק אויזשטרייעטע, אונד גאַב דען שטאַטטהאַלטערן אין דען פראָפינצן בעפעהל, איהנן גערעכטיגקייט וויררפאַהרן צו לאַססן, אונד אללע איינגריפפע צו פערהינדערן, דיא מאַן אין איהרע פאָררעכטע געמאַכט האַבע אונד אין צוקונפט נאָך מאַכן קעננע. ער ערלויבטע איהנן אויך, נוצרים אין איהרן דינסטן צו בעהאַלטן, וועןן זיא איהנען; נור דיא פרייהייט ליסן, דיא פפליכטן

---

* צמח דוד, חלק שני דף כ״א ע״ב. האַלבערג דאָזעלבסט זייטע 548. אז׳ פ׳. געשיכטע דער יודען אז׳ ז׳ ו׳, דאָזעלבסט זייטע 149. אז׳ פ׳.

וואלענטיניאנוס, דערדעם יאפיאנוס אויף דעם קאיזרטהראנע
פאלגטע, געוועהרטע זיינן אונטרטהאנן אללגעמיינע רעליגיאנספרייהייט.
אללע פרשידנן רעליגיאנספארטייען אים רעמישען רייכע ערהילטען
דורך דיא געזעצע שוץ געגן וויללקיהרליכע געוואלט אונד פאלקסבעליי=
דיגונגן: דיזר קאיזר אונד זיין נאכפאלגר וואלענס, דער (380:
4140 דיא רעגירונג אנטראט, שיצטן דיא יהודים אונד איהרע נשיאים,
אונד בעשטעטיגטן איהנן אללע איהרע פרייהייטן אונד פארעכטע. דאך
לעגטע איהנן וואלענס דיא בעשווערליכן עפפענטליכן דינסטע ווידר
אויף, פאן וועלכן זיא יוליאנוס בעפרייעט האטטע.

אונטר דען רעגירונגן דער קאיזר גראציאנוס, טהעאדאזיאוס,
דעם ערסטען, אונד ארקאדיאוס לעבטן דיא יהודים אין פרידען.
טהעאדאזיאוס, דער ערסטע אדר דער גראסע, דער (388:
4148 צור רעגירונג קאם, געשטאנד איהנן איינע בעזאנדרע געריכטס=
בארקייט צו, אונד זיא האטטן דאז רעכט, בעאמטע אונד אבריגקייטן
אויז איהרר מיטטע צו וועהלן. ער גאב איהנן אויך דיא מאכט, דיא
בעשליססע צו פאללציהן, וועלכע אין הינזיכט דער רעליגיאן אונד דער
זיטטן איהרר ברידר ערשינן. אבער דיא רוהע, וועלכע זיא אונטר דיזעם
גראסן מאנארכן גענאסן, ווארדע דורך איניגע נוצרים געשטערט, וועל=
כע איינע איהרר זינאגאגן פערבראננטן. זיא בעשווערטן זיך היראיבער
בייא דעם קאיזר, אונד ער בעפאהל, דיא זינאגאגע ווידר אויפצובויען.

ווערענד דער רעגירונג טהעאדאזיאוס, דעם צווייטען,
אום דאז יאהר (415. 4175, לעבטן אין דער שטאדט אלעקסאנ=
דריען אין עגיפטען געגן 100,000 יהודים. עז קאם אפט צווי=
שען איהנן אונד דען נוצרים צו היציגן שלעגערייען, וועלכע גרעסטענ=
טהיילס מיט בלוטפערגיסן ענרעטן. בעזאנדערס ווארדים אם שבת דער
פאלל, וואן דיא יהודים אין דיא זינאגאגע גינגן. צירילוס, דער
בישאף דער שטאדט, צייגטע זיך הירבייא איממר אלז פיינד דער לעצטערן;
אבער אָרעסטעס, דער שטאטטהאלטר פאן אלעקסאנדריען,
וואר איהר מעכטיגר פריינד אונד בעשיצצר.

בייא איינם נייען צאנקע צווישן דען יהודים אונד נוצרים, דער אין איין
בלוטיגס שארמיצצל אויזארטעטע, דראנג מאן אין דיא יידישן היוזער
איין, אונטרשיד דען אונשולדיגן ניכט פאן דעם שולדינן, אונד פלינדר=
טע אללז ריין אויז. ענדליך ווארדע דער איברעסט דער אונגליקליכען
יהודים געצוואונגן, פאסט נאקקענד דיא שטאדט צו פערלאססן, אונד

אלעקסאנדריען

געשיכטע דער יהודים

בעפעהלע איינעס גראפען מאנארכען וואורדען פאן דער בעגייסטערונג איינעס גאנצען פאלקס אויזגעפיהרט.

אבער ווען גאטט דאז הויז ניכט בויעט, דאן מיהען זיך דיא בויענדען אומזאנסט. דיא גאנצע מאכט דעס יוליאנוס, דעם אללע הילפסקוועללען דעס אונגעהייערען רייכס צו געבאטע שטאנדען אונד דען דיא ענטפלאממטע בעגייסטערונג דער יהודים אונטערשטיצטע, ריכטעטע ניכטס אויז. דער קאיזער פערלאר באלד דאראויף זיין לעבען אין איינער שלאכט געגען דיא פערזער, אונד דאז רוהמווירדיגע אונטערנעהמען דעם טעמפעלבויעס הערטע בייא זיינעם אבלעבען אויף. *

זעכס אונד צוואנציגסטעס קאפיטעל

צושטאנד דער יהודים אונטער דען קאיזערן וואלענטיניאנוס, דעם ערסטען, וואלענס אונד טהעאדאזיוס, דעם ערסטען. זיא ווערדען אים וועסטען פאן קאיזער האנאריאוס בעגינסטיגט, איהר שיקזאל צו אלעקסאנדריען אין עגיפטען אונטער קאיזער טהעאדאזיוס, דעם צווייטען. אויפהעבונג דער נשיאים (אבערהייפטער דער זינאגאגע): צושטאנד דער יהודים נאך דעם איינברוכע דער בארבארישען פעלקער אינס רעמישע רייך. יידישע האכשולען אים אסטען. דער ראבבינע רב אשי פענגט אן, דען באבילאנישען תלמוד (תלמוד בבלי) צוזאממען צו טראגען. פערפאלגונג דער יהודים אין פערזיען. דיא סעבורעער (רבנן סבוראי) אונד גאונים (דיא ערהאבענען, פארטרעפליכען). צושטאנד דער יהודים אונטער דען פערזישען קעניגען. איהר צושטאנד אים וועסטען. דיא בעפעהלע דעס קאיזערס יוסטיניאנוס געגען זיא. אויפרוהר אין צעזארעא. דיא יהודים שטעהן דען גאטהען געגען יוסטיניאנוס בייא.

יאפיאנוס, דער נאכפאלגער דעס קאיזערס יוליאנוס, וואר איין זאנפטמיטהיגער הערשער. זיינע רעגירונג וואר זעהר קורץ, אונד בעווירקטע קיינע וועזענטליכע פערענדרונג אין דעם צושטאנדע דער יהודים.

וואלענטיניאנוס

---

* צמח דוד, חלק שני דף כ"ע"ב: האלבערג דאזועלבסט, זייטע 547. 548. געשיכטע דער יודען או' ז' וו', דאזועלבסט זייטע 144 או' פ'.

דער טאָד דעס קאָנסטאַנציאוס בעפרייעטע דיא יהודים פֿאָן
דען ליידן, דיא זיא אונטר זיינר רעגירונג אויזשטאַנדן. איהרע אַנגעלע=
גענהייטן געוואַננן ווידר איינע הייטרע אויזזיכט, אַלז יוליאַנוס, רער
אַכטוויננינגע גענאַננט, (361 (4121, דען רעמישן קאַיזרטהראָן
בעשטיג. דיזר קאַיזר געשטאַטטעטע איהנען פֿרייע רעליגיאָנסאיבונג,
אונד נאַהם איהנען דיא שווערן אַבגאַבן אַב, דיא איהנען זיינע פֿאָרגענגער
אויפֿלעגטן. ער פֿאַסטע אויך דען בעריהמטן ענטשלוס, דען טעמפל אין
ירושלים ווידר אויפֿצובויען.

בייא דיזער געלעגענהייט שריב דער קאַיזער איינען עפֿפֿענטליכען
בריף אַן דאַז פֿאָלק דער יהודים, וועלכעס אין דען פּראָפֿינצן צערשטריי=
עט לעבטע. אין דיזעם בריעפֿע עהרט ער דען נשיא זעהר, נעננט איהן:
« ברודער, » בעמיטליידעט דיא פֿערפֿאָלגטן יהודים, לאָבט איהרע שטאַנד=
האַפֿטיגקייט, ערקלערט זיך פֿיר איהרן גנעדיגן בעשיצצער, אונד שליסט
מיט דעם פֿייערליכן פֿערשפּרעכן, דאַס ער, ווען ער אַלז זיגער אויז דעם
פערזישען קריגע צוריק קאָממע, ירושלים ווידר אויפֿבויען, אונד
אַן דיזעם הייליגן אָרטע דער גאָטטהייט דאַנקבאַר זיינע געליבדע ברינגן
וואָללע.

דער קאַיזער בעשלאָס, אונפֿערציגליך דען טעמפּל אין פֿאָללר פּראַכט
אויף דעם העכסטן גיפּפֿעל דעם בערגעס מוריה צו ערבויען, אונד איינע
מענגע יהודים נאַך ירושלים איינצולאַדען. ער וויז הירצו בעטרעכלי=
כע זוממען אויז דעם עפֿפֿענטליכן שאַצצע אַן, אונד איבערטרוג דיא
אָבעראויפֿזיכט איבער דיזעם גראָסע ווערק זיינעם פֿערטרויטן פֿריינדע
אַליפּיאוס. דיזער מיניסטער ערהילט דיא קרעפֿטיגע אונטערשטיצצונג
דעם שטאַטטהאַלטערס פֿאָן פּאַלעסטינאַ, שאַפֿפֿטע איינע אונגעהייערע
מענגע בוימאַטעריאַליען אַן, אונד בראַכטע איינע גראָסע אַנצאַהל פֿאָן
אַרבייטסלייטן צוזאַממן. אויף דען ערסטן ווינק איהרעס מעכטיגן בע=
פֿרייערס איילטן דיא יהודים אויז אַללן פּראָפֿינצן דעס רייכס הערבייא,
אונד פֿערזאַממעלטן זיך אויף דעם הייליגן בערגע איהרר פֿעטר. דער
זעהנליכסטע וואונש דער זעהנע ישראל'ס וואַר איממר, דען טעמפּל
ווידר אויף זיינעם גרונדע ערבויעט צו זעהן. דיא מעננר פֿערגאַסן אין
דיזעם גינסטיגן אויגנבליק איהרע געשעפֿטע אונד דיא וייבר איהרר וייב=
ליכקייט; דיא פּראַכטליבע דער רייכן ליפֿערטע גראַבשייטע אונד האַקקן
פֿאָן זילבר, אונד דער שוטט ווארדע אין מענטעלן פֿאָן זיידע אונד פּור=
פּור וועגגעשאַפֿפֿט. יעדר בייטל עפֿפֿנעטע זיך צו רייכן בייטרעגן, יע=
דע האַנד וואָללטע אַנטהייל אַן דער פֿראָממן אַרבייט נעהמן, אונד דיא

בעפֿעהלע

געשיכטע דער יהודים

אום דאז יאהר (340) 4100 פערפאלגטע זאפאר (שבור, שאבור), דער צווייטע, קעניג פאן פערזיען, דיא יהודים אין זיינעם רייכע. דיא פיר זעהנע דעם רב פפא ווארדן היגעריכטעט אונד דיא יידישן האהן שולן פערשלאססן, אויזגענאממן דיא האכשולע פאן סורא (סארא), ווא דער גראסע ראבבינע רבא, זאהן דעם יוסף, פארשטעהר וואר. אבר דיזע פערפאלגונג דויערטע ניכט לאנגע.

צו דיזר צייט ווארדע דער צושטאנד דער אבענדלענדישן יהודים פערשלימערט. קאיזר קאנסטאנציאוס, דער, (342) 4102, זיינעם פאטר, קאנסטאנטינוס, דעם גראסן, אין דער רעגירונג פאלגטע, האסטע דיא יהודים, וועגן איהרר רעליגיאן, אונד בעהאנדעלטע זיא מיט אייסערסטר שטרענגע. ער פרביטטעטע זיא זא זעהר גענן זיך, דאס זיא איינען אויפרוהר צו דיאצעזארעא אין פאלעסטינא ערדעגטן, אונד דיא פערזר, איהרע דאמאליגן פריינדע, אונטרשטיצטן, דיא צו גלייכר צייט אין דאז רעמישע רייך איינפילן, אונד דיא שטארקע פעסטונג ניזיבים בעלאגערטן. דער קאיזר שיקטע איין העער אב, וועלכעז, אויף זיינעם וועגע נאך פערזיען, דורך יהודה צאג, דיא אויפריהרר שלוג אונד הארט בעשטראפטע, אונד דיא שטאדט דיאצעזארעא צערשטערטע.

קאנסטאנציאוס בעהארדטע אין זיינעם ביטטערן האססע געגן דיא יהודים ביז אן זיינען טאד. עד ערנייערטע ניכט נור דיא געזעצע, וועלכע אונטר דען פארהערגעהענדן רעגירונגן געגן זיא ערשינען, זאנדערן ערליס אויך איינינע נייע, דיא זיא שווער דריקטן. יעדר יהודי, דער איינע נוצרית הייראטהעטע, איינען שקלאפן בעשניטט, אדר איינען נוצרי בייא זיך בעהילט, ווארדע מיט דעם טאדע בעשטראפט. דער נשיא (דאז אברהויפט דער זינאגאגע), דעם מאן נאך איממר דיא אויזאיבונג איינר אונגעוויססן געריכטסבארקייט געשטאטטעטע, האטטע זיינען זיץ אין פאלעסטינא, אונד אין דען בענאכבארטן שטעדטן הינגען דיא יידישן איינוואהנר אונערשיטטערליך אן דעם געלאבטן לאנדע; אלליין דער בעפעהל דעם קאיזרס האדריאנוס, דער זיא אויז ירושלים פערוויז, ווארדע ערנייערט אונד פערשטערקט, אונד זיא בליקטן נור אין דער פערנע טרויריג נאך דען מויערן דער הייליגן שטאדט הין. *

דער

---

* צמח דור, חלק ראשון דף כ"ג ע"ב, סדר הדורות דף קפ"ה ע"א. געשיכטע דער יודן פאן ד' וו', דאזעלבסט זייטע 144. 143, האלבערג דאזעלבס, זייטע 547. 546.

דען העכסטן ווירדן ערהאבן; אבר דער רעמישע קאיזר אווראעליאנוס בעזיגטע דיזע העלדין אום דאז יאהר (274) 4034, אונד מיט איהרר רעגירונג ענדעטע דער וואהלשטאנד דער יהודים אין יענען לענדערן. דיא מייסטן דערזעלבן פערליסן היראויף דאז פאלמירענישע רייך, אונד בעגאבן זיך נאך פערזיען, וואו איהרע ברידר דאמאלז מעכטיג אונד געעהרט וואהרן;

אום דאז יאהר (314) 4074 ערייגנעטע זיך איינע דער וויכטיגסטן, פאלגענרייכסטן אומוועלצונגן אין דעם גראסן רייכע דער רעמר. דער רעמישע קאיזר, קאנסטאנטינוס, דער גראסע, נאהם דיא רעליגיאן דער נוצרים אן, אונד מאכטע זיא דאדורך צור הערשענדן רעליגיאן אין זיינען זעמטליכן שטאטן: וועהרענד דער רעגירונג דיזעס מאנארכן נאהם דיא שטאדט ירושלים, וועלכע לאנגע עליא הים, איהרן אלטן נאמן ווידר אן, אונד דער קאיזר פערגרעסערטע אונד פערשענערטע זיא מיט פילען פרעכטיגן געביידן: איס אנפאנגע זיינר רעגירונג מאכטע קאנסטאנטינוס אייניגע שטרענגע געזעצע קונד, וועלכע דיא פרייהייט דער יהודים בעשרענקטן: איינע פעראָרדנונג דיזעס קאיזרס פערבאט דען יהודים ביי דער הערטעסטן שטראפע, אנדרע צום איבערטריטטע צו איהרר רעליגיאן צו בערעדן, אונד איינע אנדרע פעראָרדנונג דעסזעלבן אונטערזאגטע איהנען, נוצרים אלז שקלאפן צו קויפן: פערנר בעפאהל ער, דאס זיא אללע עפפענטליכן דינסטע, וויא זיינע איבריגן אונטרטהאנען, פעריכטן זאללטן, נאהם אבר דאך הירפאן אללע דיאיעניגן אויז, וועלכע אין דען זינאגאגן, שולן או' ז' וו' איין אמט פערוואלטעטן:

דיא פערזאממלונג דער גייסטליכן צו עלווירא אין שפאניען, וועלכע אונטר דער רעגירונג דעס קאנסטאנטינוס געהאלטן וואורדע, פערבאט דען נוצרים, וועלכע מיט דען יהודים אין טעגליכעם פערקעהר שטאנדן, אדר ביי איהנען דינטן, מיט איהנען צו עססן, אונד דען גוטסבעזיצערן, פאן דען יהודים זעגן איבר איהרע לאנדעספריכטע אויזשפרעכן צו לאססן: אבשאן הירבייא דיא נוצרים אללײן מיט דער שטראפע דעס באננעס בעדראהעט וואורדן, זא וואורדן דאך דאדורך אויך דיא יהודים פילן בעלייריגונגן אונד גראסר פעראכטונג אויזגעזעצט.*

אום

---

* דיא געשיכטע דער יודען או' ז' וו', דאזעלבסט זייטע 138: או' פ'; האלבערג דאזעלבסט זייטע 542: 540: או' פ':

געשיכטע דער יהודים

מאָרדעט וואורדע, בעפרייעטע דיא יהודים, דיא ניא אין דיא אַננאַהמע זיינער רעליגיאָן איינגעווילליגט העטטן, פאָן דעם גרויזאַמן פערזוכע, דער זיא ערוואַרטעטע:

זיין נאַכפאָלגר, אַלעקסאַנדר זעוועראוס, איין גראָסר קעננר אונד בעפערדערער דער וויססנשאַפטן, בעגינסטיגטע דיא יהודים זעהר, שטאַנד מיט איהנען אין בריפוועכסעל, אונד ערהילט אונטרריכט אין איהרר רעליגיאָן: ער האַטטע דיא אַבזיכט, פערמיטטעלסט דער עקלעקטישן (אויזוועהלענדן) וועלטווייזהייט דיא רעליגיאָן דער יהודים, נוצרים אונד היידען מיט איינאַנדר צו פערמענגן; *

דיא דיזעם פירסטן נאַכפאָלגענדן רעמישן קאַיזר וואַרן דען יהודים גינסטיג, אונד בעזאָנדערס בעהאַנדעלטע זיא פיליפפוס, דער אַראַבער, נאַך דעססן פאַטטרלאַנד זיא האַנדעלטן; מיט דער גרעסטן גנאַדע. זיא וואורדן אין קיינע דער גרויזאַמן פערפאָלגונגן פערוויקקעלט, וועלכע דיא נוצרים אונטר דען קאַיזערן דעציאוס, וואַלעריאַנוס אונד דיאָקלעציאַנוס אויזשטעהן מוסטן, אונד גענאָסן איינר אונגעשטערטן רוהע אונטר דען פערזישן קעניגן אונד רעמישן קאַיזערן דיזעס צייטרוימעס: אָב זיא שאָן נאָך איממר ניכט נאַך ירושלים קאָממן דורפטן, זאָ וואַר איהנען דאָך ערלויבט, אַנזעהנליכע נידרלאַסזונגן אין איטאַליען אונד דען פראָפינצן צו עררכטן, דאַז בירגערעכט פאָן ראָם צו ערווערבן, אונד געמיינדעשטעללן צו פערוואַלטן: דיא מילדע דער רעמישן רעגירונג גאַב דען פאָרמן דעם יידישן גאָטטעסדינסטעס געזעצליכע בעשטעטיגונג: אין דען הויפטשטעדטן דעס רייכעס וואורדן נייע זינאַגאָגן עררכטעט, אונד דיא יהודים בעאָבאַכטעטן דיא געברייכע איהרר רעליגיאָן עפפענטליך אויף דיא פייערליכסטע וויזע:

אַם צוטרעגליכסטן פיר דיא מאָרגענלענדישן יהודים וואַר דיא רעגירונג צענאָביאַס, דער קעניגין פאָן פאַלמיראַ. דיזע גראָסע פירסטין וואַר, וויא מאַן גלויבט, איינע יידין, אונד אָפפענבאַרטע איהרע ליבע פיר איהרע נאַציאָן אין פילן קעניגליכן וואָהלטהאַטן: זיא בעהערשטע איינען גראָסן טהייל דעס מאָרגענלאַנדעס, אונד דיא יהודים לעבטן אין אַללן טהיילן איהרס וויטלייפיגן געביטס אין איינעם זעהר גליקליכן צושטאַנדע, עררכטעטן פרעכטיגע זינאַגאָגן, אונד וואורדן צו
דען

---

* האָלבערג ראַזועלבסט, זייטע 541: צמח דוד שם: דיא געשיכטע דער יודן פאָן דער צערשטערונג ירושאַלעמס אַן או׳ ז׳ וו׳, 1: טהייל זייטע 139 138:

צו דיזר צייט, אום דאַז יאַהר (220) 3980, זאַממלטען איינִיגע געלעהרטע שילר רבי יהודה׳ס, דעס נשיא, דיא צוזעצע צו דער משנה (ברייתות אונד תוספתות), אונד אום דאַז יאַהר (230) 3990 מאַכטע דערבעריהמטע רבי יוחנן אין פּאַלעסטינאַ דען תלמוד ירושלמי אָדר דיא יערוזאַלעמישע ערקלערונג איבר דיא משנה בעקאַננט. דיזע ערקלערונג הייסט אויך גמרא (פֿאָללענדונג, אויזאַרבייטונג) פֿאָן גמר (פֿאָללענדן). דיא ראַבבינן, וועלכע אים תלמוד דיא משנה ערקלערן, הייסן אמוראים (דאָלמעטשער ערקלערר). רב, איינר דער פֿאָרציגליכסטן שילר דעס אָפּטערוועהנטען רבי יהודה הנשיא אונד פֿאָרשטעהר דער האָהן שולע אין סורא (סאָראַ), וואַר דער ערסטע דער אמוראים.*

דיא גראָסע אומוועלצונג אין אזיען, וועלכע דאַמאַלס דאַז פּאַרטהישע רייך אָן דיא פּערזער בראַכטע, פֿערבעססערטע דען צושטאַנד דער עסטליכן יהודים. דיא צווייא ערסטן פּערזישען קעניגע, אַרטאַקסערקסעס (אַרדעשיר) אונד זאַפּאָר (שבור, שאַבור), דער ערסטע, וואַרן דער יידישען נאַציאָן געוואָגן, אונד ביידע האַטטן בעזאָנדערס איינע אייסערסט האָהע מיינונג פֿאָן דעם טיפֿגעלעהרטען ראַבבינן, שמואל ירחינאי (בערעכנר דער מאָנדעסוואַנדלונג), דער זיך דורך זיינע אונגעמיינן קענטניססע, פֿאָרציגליך אַלז שטערנקונדיגר אונד אַרצט, גראָסן רוהם מאַכטע, אונד אים יאַהר (219) 3979 פֿאָרשטעהר דער האָהן שולע אין נהרדעא (נאַהאַרדעאַ) וואורדע. דיא יהודים וואַרן אין דיזר גליקליכן צייט זעהר מעכטיג אים מאָרגענלאַנדע, אונד אין איהרן האָהן שולען בליהטן פֿילע גראָסע מענער. אַבר איהר שטאַרקר איינפֿלוס אויף דיא רעגירונג בראַכטע דיא פּערזער אין וואוטה, אונד זיא מוסטן איינע האַרטע פֿערפֿאָלגונג אויזשטעהען. ענדליך ערהילטן זיא, נאָך שרעקליכן ליידן, איהרע רעליגיאָנספֿרייהייט ווידער.

העליאָגאַבאַלוס, דער (218) 3978 דען רעמישען קאַיזערטהראָן בעשטיג, קאַננטע דיא לעהרן דער יהודים אונד זאַמאַריטאַנער גענויא, אונד וואָללטע איהרע רעליגיאָנס־געברייכע מיט דער פֿערעהרונג דער זאָננע, דיא ער בעזאָנדערס אַנבעטעטע, פֿעראייניגן. דער אונערוואַרטעטע טאָד דיזעס קאַיזערס, דער פֿאָן זיינען קריגערן ערמאָרדעט

---

* האָלבערגס יידישע געשיכטע, דאַזעלבסט זייטע 537 או׳ פֿ׳. צמח דוד, חלק ראשון דף כ״ב ע״ב ודף כ״ג ע״א.

געשיכטע דער יהודים

וויזהייט אונד איננינגע ליבע פֿיר זיינע רעליגיאָן אונד זיין פֿאָלק פֿלעסטן איהם דיא גערעכטע בעזאָרגניס איין, זיינע ברידר מעכטן דורך אונטרברעכונג איהרער שולן, בייא איהרן מאַננינגפֿאַלטיגן וואַנדערונגן אונטר זאָ פֿילן פֿעלקערן אונד דורך זאָ פֿערשידנע ערדגעגענדן, דיא מינדליכן רעליגיאָנס־איבערליפֿערונגן איהרר פֿעטר פֿערגעססן. דיס צו פֿערהיטן זאַממעלטע ער אַללע געזעצע דער יידישן רעליגיאָן, אונד פֿערדערטע, (218) 3978, דאַז בעריהמטע אונד הייליגע בוך משנה (דאַז מינדליך איבערליפֿערטע געזעץ) אַנז ליכט. *

דער בעפֿעהל דעס האַדריאַנוס, דער דען יהודים דיא בעשניידונג איהרר קינדר פֿערבאָט, וואַר אונטר דער רעגירונג דעס קאַיזרס אַנטאָנינוס, דעס פֿראָממן, נאָך אין קראַפֿט, אונד זיא נאַהמן איהרע צופֿלוכט נאָכמאַלס צו דען וואַפֿפֿן. דער קאַיזר אונטרדריקטע אַבר דען אויפֿרוהר באַלד, גאַב איהנען, נאַכדעם ער זיא צום געהאָרזאַם געבראַכט האַטטע, דיא ערלויבניס צור בעשניידונג ווידר, אונד בעהאַנדעלטע זיא איבערהויפט, וואַהרשיינליך אויף פֿעראַנלאַססונג זיינר פֿריינדשאַפֿט פֿיר רבי יהודה, דען נשיא, מיט גראָסר גנאַדע. אויך קאַיזר מאַרקוס אורעליאוס אַנטאָנינוס, דער וועלטווייזע, אונד זיין נאַכפֿאָלגר קאָממאָדוס צייגטן זיך זעהר גינסטיג פֿיר דיא יהודים.

מיט דער רעגירונג דעס קאַיזערס זעפטימיאוס זעווערוס, אום דאַז יאַהר (197) 3957, בעגאַן איינע גאָלדנע צייט פֿיר דיא יהודים, וויל ער איהר אייפֿריגר אונד מעכטיגר בעשיצצר וואַר. זיא ערוויזן דעם קאַיזר בעזאָנדרע טרייע, אַלז פעסצענניאוס ניגער זיך אים מאָרגענלאַנדע צום הערדשר אויפֿוואַרף, הילטן זיך פֿעסט אַן דיא פאַרטייא דעס ערסטערן, אונד אונטרשטיצטן איהן מיט גראָסן געלדזוממן. ער בעצייגטע זיך זעהר דאַנקבאַר אונד גנעדיג געגן זיא, אונד ערלויבטע איהנן ניכט נור דיא פֿרייע אויזאיבונג איהרר רעליגיאָן, זאָנדערן שענקטע איהנן אויך אַללע פֿאָררעכטע רעמישער בירגר, אונד ערקלערטע זיא פֿיר וועהלבאַר צו אַללען שטאַאטסעמטערן אונד ווירדן.

צו

---

* האָלבערגס יידישע געשיכטע, דאַזעלבסט זייטע 390—385 .373. מסעות של רבי בנימן, דף מ"א ע"ב ומ"ב ע"א וב'. צמח דוד, חלק ראשון דף כ"ב עמוד א', סדר הדורות דף מ"ה ע"ב ומ"ו ע"א, שבט יהודה דף ל"א ול"ב.

בעססערעם לאָאָז· טראַיאַנוס בעקריגטע זיא צוואַר ביז אין מעזאָפּאָ־
טאַמיען, אַבר האַדריאַנוס וויללינטע, נאַך זיינר טהראָנבעשטייגונג,
איין, דאָס דער אייפֿראַט דיא גרענצע דעם רעמישן רייכעס זיין
זאָללטע· דאַהער וואורדן דיא יהודים, וועלכע יענזייטס דיזעס שטראָמעס
וואָהנטן, ניכט אין דען קריג פֿערוויקקעלט, דען האַדריאַונס געגן דיא
יידישע נאַציאָן פֿיהרטע. פֿילע דערזעלבן בעגאַבן זיך, צום ביישטאַנדע
איהרר ברידר, נאַך יהודה; אַבר דיזע פֿערשטערקונג דעם יידישן
העערעס דינטע נור, דיא אַנצאַהל דער ערשלאַגנען צו פֿערמעהרן,
אונד דען טריאומף דער זיגר צו פֿערגרעסערן.

דיא געשיכטע דער יהודים אים אָסטן איזט דונקלר, אַלז דיא דער
יהודים אים וועסטן, וויל ערסטערע ניר איינע אונפֿאָללקאָממענע קעננט־
ניס פֿאָן דען בעגעבענהייטן בעקאָמן, דיא זיך אונטר איהרן ברידערן
אין זאָ ענטפֿערנטן לענדערן עראייגנעטן· דיא אָברהייפטר דער עסטליכן
יהודים היסן ראשי גלוה (פֿירסטן דער געפֿאַנגענשאַפֿט)· דיזע
וואורדן מיט גראָסר פראַכט אונד פֿייערליכקייט איינגעזעצט. צו איהרם
אויפֿענטהאַלטע וואורדע באַבילאָן (באַנדאַר) געוועהלט, וואָ זיא איבר
צעהן געריכטסהעפֿע דען פֿאָרזיץ פֿיהרטן. עז וואַרן דאַזעלבסט אַכט
אונד צוואַנציג זינאַגאָגן; דער פֿירסט דער געפֿאַנגענשאַפֿט בעזאַס איינע
דערזעלבן, דיא אויף פֿפֿיילערן פֿאָן בונטעם מאַרמאָר רוהטע, אונד אין
וועלכר ער איינן טהראָן פֿאָן צעהן שטופֿן האַטטע· דיא געריכטסבאַר־
קייט דעס פֿירסטן ערשטרעקטע זיך איבר אַללע יהודים אין אַססיריען,
כאַלדעאַ אונד דעם גאַנצן פּאַרטהישן רייכע. ער ווייהטע אַללע
הייפטר דער זינאַגאָגן אים אָסטן, אונד ערהאָב בייטרעגע פֿאָן אַללן,
זיינע ווירדע צו בעהויפטן, אונד דעם קעניג פֿאָן פערזיען דיא יעהרליכע
שטייער צו ענטריכטן. רב הונא, דער ערסטע, איין צייטגענאָססע
רבי יהודה'ס, דעם נשיא, וואַר פֿירסט דער געפֿאַנגענשאַפֿט אין
באָבילאָן. דיא פֿירסטן דער געפֿאַנגנשאַפֿט איבטן דאַזעלבע אַנזעהן
אים אָסטן אויז, וועלכעס דיא נשיאים (אָברהייפטר דער זינאַגאָגן צו
טיבעריאַס (טבריא) אים וועסטן האַטטן.

רבי יהודה, דער נשיא, אָדר רבינו הקדוש (דער
הייליגע), דיזר גראָסע מאַן, דען דיא קאַיזר אַנטאָנינוס, דער
פֿראָממע, אונד אַנטאָנינוס, דער וועלטווייזע, מיט איהרר ערהאַב־
נען פֿריינדשאַפֿט בעעהרטן, וואורדע, וועגן זיינר פֿרעממיגקייט אונד זיינר
טיפֿן געלעהרזאַמקייט, אונאייגגעשרענקטר פֿאָרשטעהר דער האָהן שולע
צו טיבעריאַס, אונד ענשיד דיא שווערסטען אונד וויכטיגסטן
שטרייטפֿראַגן. זיינע

ווייזהייט

טעמפל דעס געצצן יופיטער קאפיטאָלינוס נאָהם דיא שטעללע איין, וואָ עהעדעם דער טעמפל דעס עוויגן שטאַנד. אויף דאָז טהאָר, ירושלים'ס, וועלכעס נאָך בעטהלעהעם (בית לחם) פיהרטע, וואורדע, דען יהודים צור שמאַך, איין שוויין פאָן מאַרמאָר געזעצט.

